**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/26/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול און מעיאר אדאמס מעלדן פארענדיגונג פון 84 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט פאר עלטערע מענטשן אין די בראנקס

***די 'טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס' סיניאָר דירות אין מאריסאניע פיגורירט 153 צוגענגליכע דירות, אריינגערעכנט 57 וואוין-ערטער מיט אונטערהאלטנדע סערוויסעס פאר פריער איינגעזעצטע עלטערע מענטשן***

***דערגאנצעט גאווערנער'ס נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער פולשטענדיגער האָוזינג פלאן***

**בילדער צו באקומען [דא]**

גאווערנער קעטי האוקול און מעיאר עריק אדאמס האבן היינט אויסגעמאלדן די פארענדיגונג פון א 84 מיליאן דאלערדיגער, צוגענגליכער האוזינג דעוועלאפמענט פאר סיניאָרס אין די בראנקס. די 'טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס אפארטמענטס' איז כולל 153 דירות, מיט 57 יוניטס באשטימט פאר סיניאָרס וועלכע וועלן האבן צוטריט צו אויפ'ן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס דורכ'ן 'פּאָרטשון סאָסייעטי'.

"בשעת מיר ערהוילן זיך פון דער פאנדעמיע, איז קריטיש-וויכטיג פאר אונז צו נעמען דרייסטע שריטן צו מאכן ניו יארק א מער צוגענגליכע ארט פאר יעדן, און צוליב דעם טוט מיין אדמיניסטראציע איינפירן א גרונטליכער 25 ביליאן דאלערדיגער צוגענגליכער האָוזינג פלאן צו העלפן פארזיכערן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו זיכערע און צוגענגליכע האָוזינג," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער שטעלן אלס הויפט ציל טראנספארמירנדע פראיעקטן ווי דער דאזיגער, וועלכע וועלן ווידער-צוועקן אומבאניצטע פלאץ אויף צו אגרעסיוו זוכן צו לייזן דעם האָוזינג קריזיס. יעדער ניו יארקער קומט זיך אן ארט צו וואוינען און די הילפס-מיטלען וואס זיי נייטיגן זיך אויף צו בליען — און פארשטייט זיך אז דאס איז נאך מער אנווענדליך פאר אונזערע עלטערע איינוואוינער און די וועלכע זענען פריער געווען איינגעזעצט."

"מיר בויען איבער ניו יארק סיטי אויף א מער יושר'דיגער און גלייכבארעכטיגער, און מיט נייע היימען אין די בראנקס פאר פריער איינגעזעצטע עלטערע איינוואוינער, פארטרעט דער פראיעקט א טריט אין געגנוי דעם גוטן ריכטונג," **האט מעיאר אדאמס געזאגט.** "די היימען וועלן צושטעלן א זיכערע, ריינע פלאץ פאר געוויסע פון אונזער מערסט אומבאהאלפענע ניו יארקער, און איך וועל ווייטער מאכן א הויפט ציל צו העלפן די קאמיוניטיס ווילאנג איך בין מעיאר."

די 'טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס' איז א שטאנדטייל פון גאווערנער האוקול'ס ארומנעמיגע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר'דיג און סטאביל. אין דעם לעצטנס-דורכגעפירטן סטעיט בודזשעט, האט דער גאווערנער מיט ערפאלג געשאפן א נייע 25 ביליאן דאלערדיגער, פינף-יעריגער גרונטליכער האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג סופליי דורך שאפן

אדער אפהיטן 100,000 צוגענגליכע וואוין-ערטער לענגאויס ניו יארק, אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער-ריזיקירטע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 וואוינונגען.

דער ׳טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳, וואס געפונט זיך אויף 1074 וואשינגטאן עוועניו אין דעם מאריסאניע געגנט, איז געבויט געווארן אויף ערד-שטח פריער אקופירט דורך אן איצט-אויסגעליידיגטער מעטאדיסט קירכע. עס זענען פאראן 144 אפארטמענטס באשטימט פאר ערוואקסענע 62 און העכער מיט איינקונפטן ביז זעכציג פראצענט פון די דורכשניטליכע איינקונפטן אין דעם געגנט. צען אפארטמענטס זענען באשטימט פאר ערוואקסענע 55 און העכער.

עס זענען פאראן 57 אפארטמענטס באשטימט פאר סיניאָרס וועלכע זענען פריער געווען איינגעזעצט. דער ׳פּאַרטשוּן סאָסייעטי׳ וועט צושטעלן אויפ׳ן-ארטיגע סערוויסעס צו די איינוואוינער ווי אויך אפערירן א 5,400 סקווער-פיסיגע סאָושעל סערוויסעס ארט אפן צו די ברייטערע קאמיוניטי אויף דער געביידע׳ס ערשטע שטאק. דער אונטערגעארדענטער ארט באזארגט קאָונסלינג, קעיס פארוואלטונג, וואקציאנעל און געזונטהייט-פארבינדענע סערוויסעס צו יחידים מיט א קרימינאלע יוסטיץ היסטאריע.

סערוויסעס און רענט סאָבסידיס פאר 47 פון די שטיצנדע דירות ווערן פינאנצירט דורך אן עמפּייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו געשאנק צום ׳פּאַרטשוּן סאָסייעטי׳. די פארבליבענע צען ווערן פינאנצירט דורך דעם ניו יארק סיטי 15/15 אונטערשטיצנדע האָוזינג איניציאטיוו.

איינוואוינער באקוועמליכקייטן נעמען אריין לאָנדרי איינריכטונגען, א טענאנט עקסערסייז צימער, א זון-צימער וואס ווערט געניצט אלס א גרינהויז צו מוטיגן הײדראָפּאָניק פלאנצונגען, אן אינדרויסנדיגער איינוואוינער גארטן, און ביציקל סטאָרעדזש. עס איז דא איין דירה פאר אן אויפ׳ן-ארטיגן סופעראינטענדענט.

דער ׳טריניטי מאריסאניע קירכע׳ וועלכע איז אמאל געשטאנען אויף דער געביידע׳ס ארט איז ארגינעל געבויט געווארן אין 1865 אבער עס איז נאכגעלאזט געווארן. עלעמענטן פון דער געוועזענער קירכע געביידע זענען אריינגעברענגט געווארן אין דעם נייעם ארט, אריינגערעכנט אויפגעראכטענע געפארבטע-גלאז פענצטער, זיצן, און אנדערע ארכיטעקטורעלע איינצלהייטן וועלכע וועלן דערמאנען איינוואוינער איבער דער פּראָפּערטי׳ס היסטאריע.

דער דעוועלאָפּמענט טיעם נעמט אריין ׳בראנקס-פּראָ׳, דער ׳פּאַרטשוּן סאָסייעטי׳ און ׳יונייטעד מעטאדיסט סיטי סאָסייעטי׳.

סטעיט פינאנצירונג פאר דעם דעוועלאפמענט רעכנט אריין 15.9 מיליאן דאלער אין קביעות׳דיגע שטייער-גע׳פטר׳טע באנדס, פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע האבן אויפגעטריבן 33 מיליאן דאלאר אין אייגנטום, און 11.6 מיליאן דאלער אין סאבסידי און 2 מיליאן דאלער דורך דער קאמיוניטי אינוועסטירונג פאָנד פראגראם, אלע פון ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳.

דער ניו יארק סיטי דעפּארטמענט פון האוזינג אפהיטונג און אנטוויקלונג האט צוגעשטעלט 13 מיליאן דאלער דורך דעם סיניאָר צוגענגליכע רענט אפארטמענטס פראגראם און פראיעקט-באזירטע וואָוטשערס פאר 106 הויזגעזינדער. נאך פינאנצירונג און אנטוויקלונג שטיצע איז צוגעשטעלט געווארן דורך ׳ענטערפרייז קאמיוניטי פּאַרטנערס׳, ׳פרעדי מעק׳, און ׳JP מארגען טשעיס׳.

**האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״א דאנק אונזער צוזאמארבעט מיט דער ״יונייטעד מעטאדיסט סיטי סאסייעטי״ און ׳בראנקס-פּראָ׳, וועט דער ׳טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳ געבן א באנייטע צוועק צו אן אומבאניצטע קירכע פּראָפּערטי דורך שאפן 153 צוגענגליכע היימען פאר עלטערע מענטשן מיט די סארטן אויפ׳ן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס וועלכע וועלן זיי העלפן ערגרייכן סטאביליטעט, זעלבסטשטענדיגקייט און בעסערע געזונטהייט תוצאות. מיר זענען איבערהויפּט דאנקבאר צו דער ׳פּאָרטשוּן סאָסייעטי׳ פאר׳ן זיין א פולשטענדיגער טייל פון דעם דעוועלאָפּמענט. זייער מוסטער פאר העלפן פריער איינגעזעצטע ניו יארקער דורך צושטעלן צוטריט צו הילפס-מיטלען און נייע געלעגנהייטן, אריינגערעכנט האָוזינג, איז קריטיש-וויכטיג צו אונזער געמיינזאמע אויפגאבע צו מאכן ניו יארק א מער יושר׳דיגער און אריינגעמיגער פלאץ צו וואוינען. מיר דרוקן אויס אונזער דאנקבארקייט צו יעדע פון אונזערע צוזאמארבעטער פאר׳ן מאכן דעם דעוועלאָפּמענט א ווירקליכקייט פאר דעם מאריסאניע געגנט.״

**ניו יארק סיטי הויפט האָוזינג באאמטע דזשעסיקע קעטס האט געזאגט,** ״אזעלכע מאמענטן — אויפנעמען ניו יארקער צו זייערע נייע צוגענגליכע היימען — זענען די ענדגילטיגער ציל פון אונזער ארבעט. קאנגראטולאציעס צו ״יונייטעד מעטאדיסט סיטי סאסייעטי״, דער ׳פּאָרטשוּן סאָסייעטי׳ און ׳בראנקס-פּראָ׳ גרופּע. די ׳טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳ זענען א העכסט-נויטיגע נייע צוגאב צו אונזער שטאט וואס וועט נישט נאר אויסמאכן אין דעם האָוזינג מאנגל נאר עס וועט אויך פארזיכערן אז עלטערע איינוואוינער האבן א היים וואו זיי קענען זיך עלטערן אין פלאץ מיט די זעלבסט-עהרע וואס קומט זיך זיי.״

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון האוזינג אפהיטונג און אנטוויקלונג קאמיסיאנער אדאלפא קאריאן דזשוּניאָר האט געזאגט,** ״מיט די היינטיגע עפענונג פון ׳טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳, פרייען מיר זיך מיט דאס אהיימקומען פאר פילע פון אונזער שטאט׳ס עלטערע מענטשן, און צושטעלן מער ווי 150 זיכערע, סטאבילע און געזונטע היימען וואו זיי קענען זיך עלטערן אין פרידן. פאר פילע נייע איינוואוינער דרייען מיר צוריק דאס רעדל פון ארעסטירונג און היימלאזיגקייט דורך צושטעלן אויפ׳ן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס וועלכע אדרעסירן זייער פולקאמער ריי באדערפענישן. דאס וועט נישט מעגליך זיין אן די פירערשאפט פון צוזאמארבעטער ווי די ״יוּנייטעד מעטאָדיסט סיטי סאָסייעטי״, דער ׳פּאָרטשוּן סאָסייעטי׳ און ׳בראנקס-פּראָ׳ גרופּע, וועלכס פארזיכערט אז ניו יארק סיטי׳ס מערסט אומבאהאלפענע טיילן פון דער באפעלקערונג ווערן נישט איגנארירט. א דאנק אלע צוזאמארבעטער און ברוכים הבאים צו די נייע איינוואוינער צו זייערע היים-ערטער.״

**קאנגרעסמאן ריטשי טאררעס האט געזאגט,** ״אזוי ווי די לעבנס-קאסטן הייבט זיך נאך דער פאנדעמיע, איז צוגענגליכע האָוזינג פאר עלטערע מענטשן נאך וויכטיגער ווי אלעמאל. א דאנק די 84 מיליאן דאלער אינוועסטירונג דורך גאווערנער האוקול און מעיאר אדאמס, זענען מיר נאך א טריט נאענטער צו פארזיכערן אז אלע עלטערע איינוואוינער אין אונזער בארא האבן צוטריט צו די ארנטליכע, צוגענגליכע האָוזינג אין וואס זיי נייטיגן זיך און וואס קומט זיך זיי.״

**סטעיט סענאטאר לואיס סעפּולוועדא האט געזאגט,** ״מיר האבן א פליכט צו אונזער מערסט אומבאהאלפענע איינוואוינער זיי צוצושטעלן עכט-צוגענגליכע האָוזינג און שטיצנדע סערוויסעס. איך וויל אפלאדירן ׳בראנקס-פּראָ׳, ׳פּאָרטשוּן סאָסייעטי׳, און ״יוּנייטעד מעטאָדיסט קירכע׳ פאר׳ן זיך צונויפקומען צו בויען ׳טריניטי-רעווערענד דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳ אין דעם געגנט פון מאריסאניע. דורך דעם פּראיעקט, וועט ווירקליך צוגענגליכע האָוזינג צוגעשטעלט ווערן צו אונזערע עלטערע באדערפטיגע איינוואוינער וועמען עס קומט זיך צו האבן צוטריט צו קביעות׳דיגע האָוזינג און הויכע קוואליטעט סערוויסעס אזוי ווי זיי עלטערן זיך אין פלאץ. איך האף אז דער פּראיעקט איז בלויז איינע פון פיל מער, בשעת מיר ארבעטן אינאיינעם צו אדרעסירן האָוזינג אומזיכערהייט און היימלאזיגקייט.״

**אסעמבלי-מיטגליד שאנטעל דזשעקסאן האט געזאגט,** ״איך האב לאנג געהאלטן אז האָוזינג איז אן אייגנשאפט וואס דארף זיין צוטריטליך צו מער-באדערפטיגע גרופעס אין אונזער קאמיוניטי. איך בין דאנקבאר פאר׳ן ׳NYS האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ מעלדן די עפענונג פון ׳טריניטי-רעווערענד דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳ אין מאריסאניע ווייל עס וועט צושטעלן האָוזינג פאר יחידים וועלכע נייטיגן זיך דערין דאס מערסטע: עלטערע מענטשן, נידעריגע איינקונפט איינוואוינער, און ערוואקסענע מיט פארברעכערישע רעקארדס וועלכע פרובירן זיך צוריק איינצוגלידערן אין אונזער קאמיוניטי.״

**בראנקס בארא פרעזידענט וואנעסא על. גיבסאן האט געזאגט,** ״דאס עפענען ׳טריניטי-רעווערענד דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳ אין די סאוט בראנקס קומט נאך יארן ארבעט און עס איז א ריזיגע געווינס פאר אונזערע עלטערע איינוואוינער וועלכע וועלן געניסן נישט נאר פון האבן צוגענגליכע האָוזינג, נאר אויך ארומנעמיגע סערוויסעס, פיטנעס אויסריכטונגען, אן איינוואוינער גארטן און אנדערע נייטיגע באקוועמליכקייטן אן דאס דארפן פארלאזן זייער היים. די בראנקס איז שוין איבערגעקערט געווארן דורך יארן סיסטעמישע אומ׳יושרדיגע אומשטענדן וועלכע ווערן נאך ערגער געמאכט דורך קאָוויד-19, און אזוי ווי מיר פרובירן זיך צו ערהוילן פון דער פאנדעמיע, איז דער געברויך פאר האָוזינג קיינמאל נישט וויכטיגער געווען. איך וויל דאנקען ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳, ׳בראנקס-פּראָ׳, ׳פּאָרטשוּן סאָסייעטי׳ און ׳יוּנייטעד מעטאָדיסט קירכע׳ פאר זייער צוזאמארבעט אויף דעם פראיעקט און אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן א רעכט צו צוגענגליכע, הויכע-קוואליטעט זיכערע האָוזינג.״

**סיטי קאונסיל-מיטגליד אלטעא סטיווענס האט געזאגט,** ״עס פריידט מיך זייער איבער דאס אפירברענגען דעם נייעם דעוועלאָפּמענט וועלכס ווערט פלאנירט אריינצוקומען אין דער מאריסאניע קאמיוניטי. עס איז וויכטיג פאר אונז צו אינוועסטירן אין אונזער עלטערע ערוואקסענע באפעלקערונג צו פארזיכערן געזונטערע און יושר׳דיגע צוטריטליכקייט אין זייערע טאג-טעגליכע לעבנס. אויך וועט דער דעוועלאָפּמענט סערווירן העכסט-נייטיג צושטימיגקייט אין די פארשריט אין אוועקשטעלן מער געלעגנהייטן פאר קביעות׳דיגע האָוזינג, ווי איידער צייטווייליגע האָוזינג.״

**סאמאנטא מאגיסטרא, הויפט עקזעקיוטיוו באאמטער פון ׳בראנקס-פּראָ׳ גרופע, האט געזאגט,** ״מיר שטאלצירן זיך צו ארבעטן אינאיינעם מיט אונזערע רעליגיע באזירטע צוזאמארבעטער די ׳יוּנייטעד מעטאָדיסט סיטי סאָסייעטי׳ סאציעלע סערוויס באזארגער די ׳פּאָרטשוּן סאָסייעטי׳ ווי אויך אונזער פינאנצירונג צוזאמארבעטער צו אנטוויקלען די ספעציעלע סיניאָר האָוזינג פראיעקט ביי 1074 וואשינגטאן. דאס ארבעטן צוזאמען שטעלן קריטיש צוגענגליכע און זעלבסטשטענדיגע האָוזינג פאר עלטערע איינוואוינער איז א הויפט טייל פון אונזער אויפגאבע און מיט דעם פראיעקט, קענען מיר פארברייטערן אונזער ווירקונג דורך צושטעלן סערוויסעס פאר געוועזענע היימלאזע און עלטערע איינוואוינער פארמישט מיט יוסטיץ. דער מוסטער פון האָוזינג וועט ערמעגליכן פאר׳ן זיך עלטערן אין פלאץ מיט זעלבסט-עהרע און מיט זיכערהייט פאר געוויסע פון אונזער מערסט איינגעשטעלטע און אונטערסערווירטע ניו יארקער. ׳בראנקס-פּראָ׳ גרופע האט איצט צוגעשטעלט 5 פראיעקטן פון צוגענגליכע האָוזינג, אריינגערעכנט 1074 וואשינגטאן עוועניו, אין דעם מאריסאניע געגנט דורך פארשידענע ערליי פראגראמען און סערוויסעס וועלכס ערמעגליכט פאר אונז איין ׳בלאק׳ נאכ׳ן צווייטן איבערמאכן די קאמיוניטיס און לעבנס פון די מענטשן וועמען מיר סערווירן.״

**ביל שילאדי, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ׳יוּנייטעד מעטאָדיסט סיטי סאָסייעטי׳, האט געזאגט,** ״אלס גלויביגע מענטשן, גלייבן מיר אין טראנספארמאציע. אין דעם פאל האבן מיר געזומען אן אונטערבאניצטע צוזאמפאלנדע קירכע פּראָפּערטי און עס געמאכט א הערליכע נייעם היים פאר די עלטערע איינוואוינער אין דער בראנקס קאמיוניטי. דאס איז אן אויסגעצייכנטער ביישפיל פון א גלויבן און קאמיוניטי צוזאמארבעטשאפט וואס שאפט אויפגאבע-געטריבענע צוגענגליכע האָוזינג וואס טוט ווידער-צוועקן קירכע פּראָפּערטי ווען א געמיינדע הערט אויף צו עקזיסטירן און מיר ניצן עס פאר׳ן בענעפיט פון

די האָוזינג באדערפענישן פון עלטערע מענטשן און איבערהויפט פריער היימלאזע אומקערנדע בירגער. די ׳יוּנייטעד מעטאָדיסט סיטי סאָסייעטי׳ און די ניו יארק יערליכע קאנפערענץ זענען דערפריידט צו ארבעטן אינאיינעם מיט דער ׳בראנקס-פּראָ׳ גרופּע און דער ׳פּאַרטשוּן סאָסייעטי׳. מיר זענען דאנקבאר פאר אלע וועלכע האבן ערמעגליכט דאס בויען. צוגענגליכע האָוזינג דארף זיין א מיסיע פון יעדע רעליגיעזע טראדיציע.״

**דזשאען פעידזש, פרעזידענט און CEO פון די ׳פּאָרטשוּן סאָסייעטי׳, האט געזאגט,** ״אונזער טורמע באפעלקערונג עלטערט זיך, און אזוי ווי עלטערע יחידים ווערן באפרייט, טרעפן זיי א וועלט מער אנדערש פון די וועלכע זיי האבן פארלאזט. איבער דאס אלעס, האבן זיי אויסצושטיין גייסטישע געזונט, פיזישע געזונט, טראומא און סובסטאנץ באניץ פראבלעמען אפטמאל פארערגערט דורך זיין יארן איינגעזעצט. צופיל טרעפן זיך אין דעם שעלטער סיסטעם ווייל שטיצנדע האָוזינג פאר פריער איינגעזעצטע עלטערע מענטשן איז שווער צו געפונען און עס איז גאר פארשפרייט לענדלאָרד דיסקרימינאציע. די מאנדאעלא קאמיוניטי ביי די ׳טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳ אדרעסירט דער דרינגענדער נויט דורך צושטעלן ברייטע, ארומנעמיגע שטיצע סערוויסעס — מיט מיטגעפיל פאר די דורכלעבענישן פון היימלאזע מענטשן וועלכע זענען פריער געווען איינגעזעצט — וואס דערגאנצעט אנטיילנעמער׳ס זיכערע און באקוועמע נייע היימען. די סערוויסעס זענען אויך צו באקומען פאר יוסטיץ-פארמישטע מיטגלידער פון די ברייטערע בראנקס קאמיוניטי.״

**באאבא האלם, וויצע פרעזידענט און ניו יארק מארקעט פירער ביי ׳ענטערפרייז קאמיוניטי פּאַרטנערס׳, האט געזאגט,** ״עס פריידט אונז זייער צו שטיצן דעם אויסגעצייכנטן פראיעקט און מיר האבן גרויס האפענונג אז עס קען צושטעלן א מוסטער פאר אנדערע אנטוויקלונגען צו אדרעסירן די געברויכן פון יוסטיץ-פארמישטע מענטשן, וועלכע ווערן אפטמאל נישט נאכגעקומען. פריער איינגעשפארטע מענטשן קומט זיך צוטריט צו זיכערע, סטאבילע האָוזינג, פריי פון דיסקרימינאציע, אזוי ווי זיי קערן זיך אום צו זייערע קאמיוניטיס און בויט זיך איבער זייערע לעבנס, און מיר שטאלצירן זיך אז דער געביידע וועט באזארגן דעם וויכטיגן רעכט צו בראנקס סיניאָרס.״

**דזשעין סילווערמאן, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון קאמיוניטי דעוועלאָפּמענט באנקירונג ביי ׳טשעיס׳, האט געזאגט,** ״מיט שטאלצירן זיך צו שפילן א ראלע אין דאס פינאנצירן די ׳טריניטי-רעווערענד וויליאם דזשעימס סיניאָר אפארטמענטס׳ אוןביישטייערן צו דאס שאפן העכסט-נויטיגע צוגענגליכע האָוזינג פאר א וואקסנדער עלטערע באפעלקערונג אין די בראנקס מיט באשטימטע דירות און שטיצע סערוויסעס פאר פריער איינגעזעצטע מענטשן. די אנטשלאסנקייט וואס דער דעוועלאָפּמענט דעמאנסטרירט איז גוט אויסגעגליכן מיט אונזער אייגענעם ׳צווייטן שאנס׳ פראגראם צו העלפן שטיצן דאס אויפנעמען און פאראויס-ברענגען מענטשן מיט א היסטאריע אין דעם קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418